**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 7.6 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו באקומען אין 2'טע רונדע פון דעם ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס פראגראם**

***פראגראם בויט ארויף אויף גאווערנער'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע צוזאג צו פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק'ס עסנווארג און אגריקולטור סעקטארן***

***פראיעקטן וואס וועלן באקומען גרענטס וועלן פארשטערקערן אגריקולטורישע קאמיוניטי און פארמערן צוטריט צו פרישע, לאקאלע עסנווארג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 7.6 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילט ווערן פאר בארעכטיגטע ארגאניזאציעס אין די 2'טע רונדע פון דעם 'ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס' פראגראם (New York Food for New York Families, NYFNYF). דער פראגראם, וואס ווערט פינאנצירט דורך א פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפארטמענט (United States Department of Agriculture, USDA) גרענט, גיבט א שטופ פאראויס פאר ניו יארקע פארמער, פארמערנדיג די צוטריט פון קאמיוניטיס צו לאקאלע עסנווארג און ווייטער פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס עסנווארג סיסטעם. אין נאוועמבער פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט [אז איבער 40 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן](https://www.governor.ny.gov/news/governor-hochul-announces-more-40-million-help-new-york-food-banks-purchase-food-grown-new-york) פאר 102 עסנווארג סערוויס ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט אין די 1'טע רונדע פון דעם פראגראם.

"אין מיין 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האבן איך **באפעסטיגט** מיין פארפליכטונג צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר ניו יארק'ס אגריקולטור און עסנווארג סעקטארן — פארזעצנדיג דעם 'ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס' פראגראם נעמט זיך צו די ציהל מיט די גאנצע כוח", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פראיעקטן וואס האבן באקומען גרענטס אין די 1'טע רונדע פון דעם טראנספארמאטיוון פראגראם העלפן שוין יעצט ברענגען פרישע, לאקאלע עסנווארג צו פאמיליעס וואס דארפן דאס די מערסטע, בשעת'ן **אויך** שטיצן **ניו יארק**'ס פארמינג קאמיוניטי. די 2'טע רונדע **פון דעם** פראגראם **איז יעצט אפן פאר קאמיוניטי ארגאניזאציעס צו אפלייען און די פראיעקטן וועלכע וועלן** דורכגעפירט ווערן וועלן אן קיין ספק פארשטערקערן די סיסטעם וואס מיר בויען צו העלפן אונזערע שוואכסטע ניו יארקער."

א סך הכל פון 7.6 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילט ווערן פאר פראיעקטן אין די 2'טע רונדע. אפליקאנטן קענען אפלייען פאר א מינימום פון $250,000 און א מאקסימום פון 2 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג. פראיעקטן וואס וועלן באקומען גרענטס וועלן שטיצן לאקאלע פארמער וועלכע זענען היסטאריש געווען שוואכער דורכן אויסבערייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן און שאפן נייע מארקעטינג מיטלען פאר זיי אינערהאלב די סטעיט, בשעת'ן פארזיכערן אז לאקאלע עסנווארג קומט אן צו ניו יארקע פאמיליעס וועלכע דארפן דאס די מערסטע.

ביישפילן פון פראיעקטן וואס קענען פינאנצירט ווערן דורך די 2'טע רונדע רעכענען אריין:

- א נאָן-פּראפיט קען איינקויפן מער לאקאלע עסנווארג און אויסברייטערן דעליווערי צו נייע קאמיוניטיס אין געגנטער מיט עסנווארג אומזיכערהייט,
- א לאקאלע אדער מוניציפאלע רעגירונג קען איינקויפן מער לאקאלע עסנווארג פאר איינריכטונגען אין קאמיוניטיס מיט עסנווארג אומזיכערהייט,
- אן עסנווארג באנק אדער פּענטרי קען איינקויפן עסנווארג קעסטלעך דירעקט פון א פארם,
- א קאמיוניטי צענטער קען עפענען א 'רוקזאק' פראגראם צו אהיים שיקן עסנווארג מיט קליענטן, אדער
- א נאָן-פּראפיט טשיילד קעיר צענטער וואס באדינט קאמיוניטיס מיט עסנווארג אומזכירהייט קען איינקויפן מער לאקאלע עסנווארג פאר מאלצייטן און צוביס.

בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכענען אריין נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס, אגריקולטורישע קאאפעראטיוון, שבטים'דיגע ארגאניזאציעס, פובליק חינוך מוסדות און לאקאלע אדער מוניציפאלע רעגירונגען. קערפּערשאפטן וואס האבן באקומען א גרענט אין די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג זענען נישט בארעכטיגט צו אפלייען. א וועבינאר מיט אינפארמאציע וועט אפגעהאלטן ווערן אום יאנואר 18 3:00 נאכמיטאג. רעגיסטראציע איז אפן אנליין.

פארשלאגן מוזן ערהאלטן ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets, AGM) ביז פעברואר 15, 2024, 3:00 נאכמיטאג אויף די לאקאלע זייגער. אפליקאנטן זאלן זיין אויפמערקזאם אז אפליקאציעס פאר די רונדע זענען פארלאנגט צו אריינגעגעבן ווערן אלס א פאפירענע אפליקאציע אזוי ווי ניו יארק סטעיט גייט יעצט אריבער פון די Grants Gateway צו די סטעיט-ברייטע פינאנציעלע סיסטעם ( Statewide Financial System, SFS). אפליקאנטן זענען נאכאלץ פארלאנגט צו אריבערגיין א פּרי-קוואליפיקאציע אויף SFS נאך עס וועט געעפנט ווערן אין יאנואר 16. אינטערעסירטע קערפערשאפטן קענען אויסגעפונען מער אויף grantsmanagement.ny.gov/transition-SFS. נאך אינפארמאציע קען געפונען ווערן אויף agriculture.ny.gov/rfp-0325-new-york-food-new-york-families-round-2.

**USDA אונטער-סעקרעטארשע פאר מארקעטינג און רעגולאטארישע פראגראמען, דזשעני לעסטער מאפיט, האט געזאגט,** "ניו יארק עסנווארג פאר ניו יארק פאמיליעס, פינאנצירט דורך די USDA'ס 'לאקאלע עסנווארג איינקויפונג הילף פראגראם', איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וואס סטעיט, שבטים און טעריטארישע רעגירונגען קענען טוהן צו פארשטערקערן לאקאלע מארקעטס פאר לאקאלע עסנווארג פראדוצירער און זיי באפולמעכטיגן צו שטיצן די וועלכע שטייען אויס עסנווארג אומזיכערהייט אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס. מיר האבן צוריקגעהערט געוואלדיגע גרוסן איבער די ערשטע רונדע פון גרענטס פון מענטשן פון קווינס ביז ערי קאונטי זייענדיג דאנקבאר פארן באקומען גאר פרישע מילכיגע פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט, עלטערע איינוואוינער זייענדיג דאנקבאר פאר די נויטיגע נערונג פארשטערקערונג און יונגע פאמיליעס זייענדיג דאנקבאר צו באקומען געזונטע עסנווארג פאר זייערע קינדער וואס זיי וואלטן אנדערש מעגליך נישט געקענט זיך ערלויבן. מיר זענען באמת באגייסטערט צו זעהן וואס די פינאנצירונג פון די צווייטע רונדע וועט עררייכן."

**סטעיט אגריקולטור דעפּארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "אונזער 'ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס' פראגראם העלפט לאקאלע עסנווארג ארגאניזאציעס צו אויסברייטערן די השפעה וואס זיי האבן אויף די פארמער וועם זיי שטיצן און צושטעלן מער נארהאפטיגע עסנווארג פון א הויכע קוואליטעט פאר די פאמיליעס וועם זיי העלפן פיטערן. איך בין שטאלץ מיט וואס דער פראגראם עררייכט ביז יעצט, מיט איבער 40 מיליאן דאלאר שוין פארטיילט פאר 102 פראיעקטן

אריבער די סטעיט. איך קוק ארויס צו זעהן וואס די פראיעקטן פון די 2'טע רונדע וועלן ברענגען, און איך מוטיג אלע בארעכטיגטע קערפערשאפטן צו אפּלייען."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "מיט די גרויסארטיגע פעדעראלע USDA אינוועסטירונג, ארבעט ניו יארק צו פארזיכערן צוטריט צו פרישע, געזונטע, לאקאל פראדוצירטע עסנווארג ביים אנהויב פונעם נייעם יאר, וואס וועט בענעפיטירן סיי לאקאלע פארמער און סיי נויטבאדערפטיגע פאמיליעס. איך האב געהאלפן אריבערברענגען 40 מיליאן דאלאר פאר דעם 'ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס' פראגראם, בענעפיטירנדיג איבער 100 ניו יארקע ארגאניזאציעס לעצטער נאוועמבער, און איך בין שטאלץ צו ברענגען נאך איבער 7 מיליאן דאלאר דא היינט, א געווינס פאר פאמיליעס, לאקאלע פארמער און פאר אונזער סטעיט-ברייטע עסנווארג סופּליי טשעין. די USDA אינוועסטירונג באפולמעכיגט גאווערנער האקול צו פיטערן הונדערטע טויזנטע, און איך בין פארפליכטעט צו קעמפן פאר נאך אזעלכע שטיצע צו האלטן קינדער, עלטערן, פאמיליעס און יעדער מענטש אריבער ניו יארק געפיטערט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "דער 'ניו יארקע עסנווארג פאר ניו יארקע פאמיליעס' פראגראם העלפט זיכער מאכן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו געזונטע, נארהאפטיגע לאקאלע עסנווארג. די 7.6 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וועט ווייטער פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס עסנווארג סופּליי סיסטעם, זיכער מאכנדיג אז לאקאלע עסנווארג איז דא צו באקומען פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקע פאמיליעס, דאס אלעס בשעת'ן שטיצן לאקאלע פארמער. איך בין דאנקבאר פאר די USDA'ס פארפליכטונג צו פארמערן עסנווארג זיכערהייט אין ניו יארק, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקע פאמיליעס האבן געזונטע עסנווארג אויף זייערע טישן."

אין סך הכל איז די AGM געשאנקען געווארן 49.6 מיליאן דאלאר דורך די USDA'ס 'לאקאלע עסנווארג איינקויפונג הילף קאאפעראטיווע אפמאך' ( Local Food Purchase Assistance Cooperative Agreement, LFPA) פראגראם צו דורכפירן NYFNYF. די ציהלן פון דעם פראגראם זענען צו אוועקשטעלן און צו פארברייטערן שותפות'ן צווישן ניו יארקע פארמער/פראדוצירער, די עסנווארג דיסטריביושען קאמיוניטי און לאקאלע עסנווארג נעטווארקס צו זיכער מאכן אז דיסטריביושען פון פרישע נארהאפטיג עסנווארג קומען אן אין שטעטלישע, ווייטע און/אדער פארקוקטע געגנטער; פארבעסערן עסנווארג צוטריט פאר קאמיוניטיס מיט נישט גענוג סערוויסעס דורכן אין באטראכט נעמען ראיאנישע טשעלענדזשעס; און שטיצן לאקאלע און היסטאריש-שוואכערע פארמער/פראדוצירער דורכן אויסברייטערן און שאפן מארקעטינג און עקאנאמישע געלעגנהייטן.

ארויפבויענדיג אויף דעם NYFNYF און אויך ענליכע פראגראמען וואס זענען אויסגעשטעלט צו פארשטערקערן די עסנווארג סיסטעם אין ניו יארק, לייגט [גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אוו די סטעיט' רעדע פאר א פלאן פאר ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע] צו ווערן שטערקער, פעסטער און אקטיוו פון פאראויס קעגן צוקונפטיגע דראאונגען אריבער געזונטהייט, די סביבה, ארבעט און בילדונג אינדוסטריעס. די גאווערנער האט אנאנסירט עטליכע גרויסארטיגע פארשלאגן צו געבן א שטופ פאר ניו יארק'ס מילכיגס און אגריקולטורישע אינדוסטריע, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און יונגווארג פירערשאפט און בילדונג געלעגנהייטן, אריינרעכענענדיג פלענער פאר אינציאטיוון צווישן מערערע פעלדער וואס וועלן פארשטערקערן די אינדוסטריע און שטופן פאר א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אונזער אגריקולטורישע, עסנווארג און וועלדער סעקטארן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן